dood177

A

6950

10 סעפּטעמבער

ג. זיבערט

ניו-יאָרק

---

חשובער פֿרײַנט,

די איבערלאָזונג מיט דער לױפֿנדער אַרבעט, װאָס האָט זיך אָנגעקליבן צום צײַט-פּונקט, װען אין בערלין זײַנען זיך צונױפֿגעפֿאָרן די מיטגלידער פֿון דער צענטראַ פֿאַרװאַלטונג, האָט אונדז ניט געגעבן די מעגלעכקײט צו טײלן זיך מיט אײַך גלײַך נאָך ד זיצונגען מיט די מײנונגען און באַשלוסן װעגן די פֿאַרשידענע פֿראַגן, װאָס זײַנען שײך
אָרש-
דער אַמעריקאַנער אַרבעט און באַזונדערס - אײַערע אױפֿגאַבן. מיר האָבן די דאָזיקע פֿראַגן באַהאַנדלט אױף עטלעכע זיצונגען. גראָד אין דער לעצטער צײַט האָבן מיר פֿון אײַך דערהאַלטן אַ גאַנצע רײ בריװ, װאָס האָבן אַנטהאַלטן אײניקע אינפֿאָרמאַציעס, װעלכע באַרירן פֿאַרשידענע קאָמפּליצירטע פֿראַגן פֿון דער אַמעריקאַנער אַרבעט און זײַנען געװע נוציק אױף אונדזערע זיצונגען.

קודם כּל באַשטעטיקן מיר די קבלה פֿון אײַער פֿריִערדיקן בריװ פֿונעם 12-טן סע טעמבער, װאָס איז געװען אַדרעסירט צו די מיטגלידער פֿון דער צ.פֿ., פֿון אײַערע 2 ברי פֿונעם 23-טן סעפּט. (מיט די בײַלאַגעס) און פֿון אײַער בריװ פֿונעם 27-טן סעפּט. מיר דאַנ קען אײַך פֿאַר אײַערע װערטפֿולע מיטטײלונגען, װעלכע מיר האָבן ~~געצױגן~~ גענומען אין באַטראַכט בײַ דער באַהאַנדלונג פֿון די פֿאַרשידענע פֿראַגן.

מיר װעלן זיך פֿריִער פֿאַר אַלץ אָפּשטעלן אױף אײַער עיקר/דיקער אַרבעט - אױפֿן לאַנדסמאַנשאַפֿט-דעפּאַרטמענט. עס האָט אונדז זײער געפֿרײט צו דערפֿאַרן פֿון אײַערע

לעצטע בריוו, אַז עס שאַפט זיך ביסלעכווייז אַ גינסטיקערע אַטמאָספערע פאַר דער מזרח-אייראָ-פעאישער אויפבוי-אַרבעט בכלל און אויך פאַר דער אַרבעט פון אָרט. מיר צווייפלען גאָר-נישט אין דעם, אַז איר פאַרפאָלגט ~~מיט אינטערעס~~ גענוי די שטימונגען, וואָס הערשן אין די לאַנדס-מאַנשאַפטן-קרייזן און וועט אויסניצן יעדער גינסטיקע לאַגע אין די אינטערעסן פון אונ-זער זאַך.

איידער מיר גייען איבער צו די איינצלנע פראַגן, ווילן מיר מאַכן פאָלגנדע אַל-געמיינע באַמערקונג בנוגע דעם כאַראַקטער פון אייער אויפגאַבע און דעם אופן ווי אַזוי צו פאַרליכטערן אייער שטעלונג בנוגע די טוער פון די אַמעריקאַנער אָרט-אינסטיטוציעס.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די ספּעציעלע אויפגאַבע, פאַר וועלכע איר טראָגט פאַראַנט-וואָרטונג, איז די אַרבעט צווישן די לאַנדסמאַנשאַפטן, מיטן צוועק צו באַקומען פון זיי פי-נאַנציעלע הילף פאַר דער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט פון אָרט אין יענע שטעט, אין וועלכע די באַטרעפנדיקע לאַנדסמאַנשאַפטן זיינען פאַראינטערעסירט. די געשעפטס-פירונג אויף דעם געביט איז אייער אַמט, צו וועלכן איר זיינט אויסגעוויילט געוואָרן פונם לאַנדסמאַנשאַפט-דעפּאַרטמענט. ווי געווינטשט עס זאָל נישט זיין אייער באַטייליקונג אין דער אַרבעט פון דער עקזעקוטיווע און אייער אַקטיווער אינטערעס פאַר די אַנדערע אָרט-טעטיקייטן, מוז מען אָבער נעמען אין אַכט די ניט נאָרמאַלע סיטואַציע און אויסמיידן די אַריינציִונג אין אַזעלכע פראַגן, וואָס קאָנען לײַדער קאָמפּליצירן אייער לאַגע און שאַפן שוועריקייטן, וועלכע קאָנען [illegible] שוואַכן אייער איינפלוס און די אַרבעטס-מעגלעכקייט אויף דעם געביט, פאַר וועלכן איר זיינט באַזונדערס פאַראַנטוואָרטלעך, ד.ה. אויף דעם געביט פון די לאַנדסמאַנשאַפטן.

1. דער אינטערעס פון דער זאַך פאָדערט נאָרמאַלע באַציִונגען צווישן דעם לאַנדסמאַנשאַפט-דעפּאַרטמענט און דער צענטראַל-פאַרוואַלטונג. דער דעפּאַרטמענט טאָר ניט פאַרגעסן אַז ער טראָגט סוף כל סוף אחריות פאַר דעם פאַרבאַנד. אין דעם צוזאַמענהאַנג וווּנדערט אונדז, וואָס ביז היינט האָבן מיר ניט באַקומען קיין איין בריוו און קיין איין פּראָטאָקאָל אָפיציעל פונם דעפּאַרטמענט. אַזוי האָבן מיר, למשל, אויך נישט קיין אָפיציעלע מעלדונג וועגן דעם אָפּשלוס פון דער שטשעדרינער אָנגעלעגנהייט. אין די אַקטן פון דער צ.פ. בלייבט אויף אַזאַ אופן נישט קיין שפּור פון דער אַסיגנירונג און פון איר רעאַליזירונג.

איר פֿאַרשטייט דאָך, אַז ווען אַ לאַנדסמאַנשאַפֿט אַמיגרירט געלט און דערפֿאַר ווערן אײַנגע-
קויפֿט מאַשינעס פֿאַר אַן אָרטעל א.דגל. (קיין חלוק נישט צי דורך דער בערלינער אײַנ-
קויפֿ-געזעלשאַפֿט אָדער דורך דער ניו-יאָרקער) איז דער ב אַ ש ט עֶ ל ע ר פֿון
די מאַשינעס דאָך דער, וואָס מאַכט די אָרטעל און פֿירט אויס די אַרבעט אין רוסלאַנד,
ד.ה. דער אָר"ט-פֿאַרבאַנד אין דער געשטאַלט פֿון דער צענטראַל-פֿאַרוואַלטונג. די אָפּע-
ראַציע מוז דורכויס גיין דורך דער בוכפֿירונג פֿון דער צענטראַל-פֿאַרוואַלטונג, דאָס
מיינט, אַז נאָך יעדער אָפּשלוס מוז דאָ ליגן אַן אָפֿיציעלע מעלדונג, כּדי עס זאָל גע-
העריק פֿאַרמערקט ווערן אין די ביכער.

פֿאַר דעם אָפּטאָר פֿון ד"ר. סינגאַלאָווסקי איז אַגב באַשלאָסן געוואָרן, אַז ווען
אַן אַמיגרירונג פֿון אַ לאַנדסמאַנשאַפֿט וועט דערפֿירט צום ענטגילטיקן אָפּשלוס, ו
מינירט דער לאַנדסמאַנשאַפֿט-דעפּאַרטמענט אַ קאָמיסיע פֿון 3 ( אַ פֿאָרזיצער, נאָך אַ
מיטגלידע פֿון דעפּאַרטמענט און אַ דריטער, אַ טעכניק פֿון דער טול-סופּלײַ) צו באַ-
שטימען וו ס/איז געווינס אײַנצוקויפֿן די מאַשינעס. דער טייל, וואָס ס/איז צוועקמע-
סיק אײַנצוקויפֿן אין אַמעריקע ווערט איבערגעגעבן פֿונעם לאַנדסמאַנשאַפֿט-דעפּאַרט-
מענט דער אַמעריקאַנער טול-סופּלײַ און דער אַנדערער טייל ווערט (ווידער נאָר דורך
דעם לאַנדסמאַנשאַפֿט-דעפּאַרטמענט) איבערגעגעבן דער צענטראַל-פֿאַרוואַלטונג אין בער-
לין און זי גיט שוין ווײַטער די באַשטעלונג צו דער היגער אײַנקויפֿ-געזעלשאַפֿט.
עס איז אַ טעות ענלאַכע באַשטעלונגען צו באַטראַכטן, ווי אַ קרוב/ס אַ באַשטעלונג.
אַן אַמיגרירונג פֿון אַ לאַנדסמאַנשאַפֿט אויף אַזאַ צוועק איז מער ענלעך צו אַן אַמיגרי-
רונג פֿון פֿאָלקס-געצייג-קאַמפּײַן. דערפֿון פֿאָלגט, אַז דאָס געלט, וואָס עס באַטרעפֿן די
אין בערלין באַשטעלטע מאַשינעס האָט דער לאַנדסמאַנשאַפֿט-דעפּאַרטמענט (נאָר ער) באַ-
דאַרפֿט איבערשיקן דער צענטראַל-פֿאַרוואַלטונג און נישט איבערגעבן דער אַמעריקאַנער
טול-סופּלײַ. דאָס וואָלט געווען פֿיל אײַנפֿאַכער. מיר שרײַבן אויך וועגן די פֿראַגן צום
פֿאָרזיצער פֿון לאַנדסמאַנשאַפֿט-דעפּאַרטמענט.

2. וואָס איז נוגע די הוצאות פֿונעם לאַנדסמאַנשאַפֿט-דעפּאַרטמענט (דרוק-
זאַכן א. דגל.) האַלטן מיר, אַז די ווענדונג צו דער טול-סופּלײַ זי זאָל פֿינאַנסירן
די אַרבעט פֿון דעם דעפּאַרטמענט איז אַ טעות. דאָס קאָן, אָבער אַלעמען, שאַפֿן אַ

פאַלשע פאָרשטעלונג וועגן דער שייכות פון די ביידע אינסטיטוציעס איינע צו דער אַנדע-רער. די שייכות פון דעם לאַנדסמאַנשאַפטן-דעפּאַרטמענט צו דער ניו-יאָרקער „טול" איז ניט קיין אַנדערע, ווי זיין שייכות צו דער בערלינער אַנקוריס-גאַז. ריכטיקער וועט זיין, ווען מיר וועלן זאָגן, אַז די דאָזיקע שייכות איז אין ביידע פאַלן אַ גאַנץ קליינע. דער לאַנד.דעפּ. איז אַנטקעגן די ביידע דערמאָנטע אינסטיטוציעס אַ גאַנץ זעלבשטענדיקער אָרגאַן. אַן ענגע אָרגאַניזאַציאָנעלע שייכות האָט דער דעפּ. נאָר צום אָרט, ד.ה. צום פאַר-באַנד אָרט און צום אַמעריקאַנער אָרט, אָבער בשום אופן ניט צו אונזערע קאָמערציעלע אינסטרומענטן. אמת, עס האָט זיך אין זיין צייט גערעט וועגן דעם, אַז שפּעטער זאָל דער דעפּאַרטמענט האָבן פון ביידע אַנקוריס-צענטערן אַ געוויסן פּראָצענט פאַר די באַשטעלונ-גען, וואָס ער פּאַטאַפּאַס. אָבער דערווייל איז עס דאָך נאָר אַ געדאַנק, פאַר וועלכע ס/איז נישט אָנגעצייכנט די קאָנקרעטע פאָרם, ווי אַזוי ער זאָל אויסגעפירט ווערן. באַזונדערס באַדויערן מיר די אַסיגנירונג פון דער טול-סופּליי פאַרן דעפּאַרטמענט שוין צוליב דעם, וואָס די דאָזיקע אינסטיטוציע אַרבעט נאָך לע"ע מיט דעפיציטן און מיר זיינען נישט פאַראינטערעסירט צו פאַרקלענערן איר פאַראַנטוואָרטונג דורך אויסגאַבן, וואָס וועלן פאַר-לאַנגט מצד אָרט, אָדער ספּעציעלע אָפּטיילונגען פון אָרט. אויב דער אַמעריקאַנער אָרט איז נישט בכח צו פינאַנסירן דעם דעפּאַרטמענט, וואָלט שוין געווען ריכטיקער צו ווענדן זיך וועגן דעם צו דער צענטראַל-פאַרוואַלטונג.

3. וואָס ס/איז שייך צו אייער געהאַלט, האָט פריינט סינגאַלאָווסקי זיך געווע[...] פאַרשטענדיקט מיטן פאָרזיצער פון דעפּאַרטמענט, אַז פאַר די ערשטע 6 חדשים פינאַנסירט די צענטראַל-פאַרוואַלטונג דעם לאַנד.דעפּ. פאַר דעם צוועק מיט 150 דאָלער אַ חדש. דאָס געלט קאָן מען פון אונז פאַרלאַנגען. פריינט בודין האָט בשעת זיין לעצטן באַזוך אין איראָפּע דערקלערט דר. סינגאַלאָווסקי, אַז די געלט-פראַגן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אייערע הוצאות, האָט ער פאַר זיין אַוועקפאָר פּראָוויזאָריש רעגולירט.

מיר בעטן אייך אַב אויפצוקלערן, ווי שטייט עס מיט דעם געלט פון „ברית אַברהם". אויב די גאַנצע, אָדער אַ טייל פון דער סומע איז שוין איינגעקומען, וועלן מיר בעטן, אַז 900 דאָלער זאָל גענומען ווערן פאַרן לאַנד.דעפּ. צו דעקן דעם אויבנדערמאָנטן טייל פון אייערע הוצאות. וואָס ס/איז שייך דער הוספה פון 50 דאָלער חדשלעך, וואָס די צ.פ. דאַרף אייך געבן אויף איר אייגענעם חשבון, איז נאָר איצטער מעגלעך צו שיקן אייך

דאָס געלט, וואָס ערשט איצט האָט איר ענדליך געשיקט אייער פּריוואַטן אַדרעס. דאָס געלט ווערט אייך אַרויסגעשיקט.

4. מיר לייגן אייך פאָר, אַז אַלע בריוו וועגן אַלגעמיינע אָרט-ענינים און וועגן ספּעציעלע פּרטים, וואָס קאָנען נישט געשריבן ווערן אָפיציעל פונם אַמט, זאָלט איר אונז שרייבן פּריוואַט (אַזוי ווי די מעגליך נישט אין אַמט) און מיר וועלן אין נייטיקן פאַל אייך שרייבן אויף אייער פּריוואַטן אַדרעס.

אַלע אַנדערע ידיעות און אָנפרעגן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער טעטיקייט פון לאַנד.דעפּ. דאַרף אונז צושיקן דער דעפּאַרטמענט אָפיציעל (ד.ה. איר אַלס זיין פאַרוואַלטער אָבער מיט אונטערשריפט, אָדער וויסן פונם פאַרזיצער).

5. כּדי צו פאַרמיידן אַ פּאַראַלעליזם און מיספאַרשטענדענישן אין דער קאָרעס-פּאָנדענץ, וואָס ווערט געפירט מיט לאַנדסמאַנשאַפטן פון פאַרשידענע שטעטלן, מוז די צ.פּ. האָבן דאָ אַ גענויע אָפּשפּיגלונג פון אַלע וויכטיקע פּרטים, וואָס זיינען שייך צו אַט דעם אַרבעטס-געביט, דאָס מיינט אַ קאָנצענטראַציע פון אַלע מאַטעריאַלן, וואָס קומען סיי פון רוס-לאַנד, סיי פון אַמעריקע.

צוליב דעם טעם פאַרלאַנגען מיר אין אונזער בריוו צום לאַנד.דעפּ. עס זאָלן אונז צוגעשיקט ווערן אַלע קאָפּיעס פון בריוו, מיט וועלכע ער ווענדט זיך אין אויסנאַמס-פאַלן דירעקט צו אונזער מאָסקווער פאַרטרעטונג, צו אונזער צ.ק. אין פּוילן א.א.וו. (פון די בריוו, וואָס ניו-יאָרק באַקומט פון רוסלאַנד און פון פּוילן קריגן מיר שטענדיק קאָפּיעס דירעקט פון מאָסקווע און פון וואַרשע). מיר בעטן אייך זייער איר זאָלט דערויף אַכטונג געבן.

אין דעם צוזאַמענהאַנג בעטן מיר איר זאָלט לאָזן אָנפאַרטיקן פאַר אונז אַ קאָפּיע פון אייער קאַרטאָטעק (נישט אויף קאַרטלעך, נאָר אויף איין אָדער צוויי גרויסע בויגנס) און אויך אַ רשימה פון די רוסישע און פּוילישע מאַטעריאַלן, וואָס איר האָט פון איינצלנע שטעט. מיר פאַרשטייען, אַז דאָס קאָן נישט געמאַכט ווערן אין איין טאָג, מיר וועלן אייך אָבער זייער דאַנקבאַר זיין, ווען איר וועט זאָרגן דערפאַר, אַז עס זאָל אַזוי שנעל ווי מעג-ליך, געשען.

7. פֿון אַ נאָטיץ אין „פֿאָרווערטס" האָבן מיר דערפֿאַרן װעגן אײער רײזע אין פֿילאַדעלפֿיע; מיר האָפֿן, אַז ס'איז אײַך געלונגען צו שאַפֿן דאָרטן די געהעריקע פֿאַרבינדונגען. אין אַלגעמײן האַלטן מיר, אַז אױף דער נאָענטער צײַט איז צװעקמעסיקער איר זאָלט קאָנצענטרירן אײער טעטיקײט און אױסנוצן אײער צײַט צו באַאַרבעטן װי געהעריק ניו-יאָרק. פֿאַר רײַזעס אין דער פּראָװינץ האַלט מען באַדאַרפֿט אױסנוצן װאָס מער די מיטגלידער פֿונעם דעפּאַרטמענט זעלבסט, אַזױ װי עס איז גערעט געװאָרן אױפֿן ערשטן מיטינג פֿון דעפּאַרטמענט.

8. צום שלום װילן מיר בנוגע צו שטעדרין אַגב באַמערקן, אַז די באַשטעלונג פֿון דער װאָג, מאָטאָר, קאַרטאָפֿל-גראָבער א.דגל., אין דאָ אײַנגעקױפֿט געװאָרן נאָך ביליקער, װי ס'איז לכתחילה פֿאָרױסגעזען געװאָרן אין ניו-יאָרק (זײ האָבן געקאָסט אַן ערך צװײהונדערט עטליכע און זעכציק דאָלער). צו דער זעלביקער צײַט װערן מיר געװאָר פֿון די אַקטן פֿון דער אײַנקױפֿ-געזעלשאַפֿט, אַז דער טראַקטאָר האָט, אַנשטאָט 900 דאָלער, װי די ניו-יאָרקער טול-סופּלײַ האָט לכתחילה געשאַצט, ענדלעך געקאָסט איבער 1100 דאָלער.

מיר װאָלטן געװען זײער צופֿרידן, װען עס געלינגט אײַך צו דערפֿאַרן מיט װאָס דערקלערט זיך די פֿאַרגרעסערונג פֿון די קאָסטן און צי איז דאָ מצד דער „טול" נישט גערעכנט געװאָרן קײן גרױסער פֿאַרדינסט.

מיר דאַנקען אײַך פֿאַר אײַערע מיטטײלונגען װעגן די קאָמפּײנס, װאָס װערן אָנגעפֿירט דורך קאָלמאַנען און װלאַדעקן, װי פֿאַר דער אינפֿאָרמאַציע װעגן די זיצונגען פֿון טול-סופּלײַ. אײער מיטטײלונג װעגן די פּלענער פֿון דזשאָינט אױפֿן געביט פֿון אינדוסטריאַליזירונג האָבן מיר גענומען צו קענטעניש.

מיר דערװאַרטן מיט אינטערעס דעם באַריכט פֿון פֿרײַנט ל. בודין, װעגן װעלכן איר דערמאָנט.

מיט גרוס און דרך-ארץ
צענטראַל - פֿאַרװאַלטונג

סעקרעטאַר: